STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06254

ZING IKH MIR

Sara Birnbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינג איך מיר

די הילע איז קאָמפּאָנירט לויט דער פּוב־
ליקאַציע נומער 1. פון דער „ביבליאָטעק פון
רעפּראָדוקציעס“ פון ייווא.

Talleres Gráficos de H. KRASILOVSKY y Cía.
Valentín Gómez 2719 — Buenos Aires

שרה בירנבוים

זינג איך מיר

בוענאָס איירעס

1938

די לידער זענען געהייליגט דעם אַנדענק
פון מיין מאַמען —
לאה בירנבוים האָט זי געהייסן

א.

ווייל איך טאנצן

ווייל איך טאַנצן,
קלאָגט די וועלט;
ווייל איך קלאָגן, —
טאַנצט די וועלט.

און מיין קלאָגן,
און מיין טאַנצן,
ווערט אַ שפּאַט
אין וועלטנס אויג.

דריי איך מיך
אין וועלט - ראָד איינזאַם
מיט מיין טרויער,
מיט מיין פרייד.

* * *

עס האָט דער טרויער ווי אַ שוואַרצע קראָ
זיך איינגעפּיקט אין ברוינעם לייב
פון מיינע זוניקע טעג;
צוגעסן מיר דעם מאָרגן - בלאָ
און צובלוטיקט מיר די טעג.

עס האָט דער תהום פאַרשלונגען
ווי אַ פּערל איצט מיין מאַמען.
שטיי איך ביי דעם תהום געבויגן
וויל די פּערל דאָרט דערזען.

שווימט זיך פּלוצים אָן אַ שיפל,
עס צעפינקלט זיך דער ים
דאָס פינקלען דאָרטן מאַמעס אויגן,
טויזנט ברכות זייער בליק;
שטרעקן הענט אוים מיך צום בענטשן —
טרייבן כוואַליעס זיי צוריק.

גיסן מיינע אויגן טרערן,
פּערלט זיי דער שוואַרצער ים;
ציהר איך זיך אין שוואַרצע פּערל,
אין די טעג פון יוני - פלאַם.

צער

ס'איז צער היינט אויפגעגאנגען
אין אַ גרויען באַגינען.
ווי אַ פויגל ביי מיין פענצטער
אַ נעסט זיך אויסגעשפּינען.

דער רויש פון זיינע פליגל
האָט דראָענדיק געוועקט,
מיינע זוניקע חלומות
באַשאָטנט און באַפלעקט.

דער אומעט

עס וויל דער אומעט מיך פאַרנאַרן
און פאַרשלעפּן אין זיין תהום;
לעשט ער אויס ביינאַכט דאָס פייער
און פאַרטונקלט מיר מיין טרוים.

שושקעט, שושקעט מיר אין אויער,
ער איז קעניג איבעראל;
וואו עס שוימען בעכערס פריילעך,
מישט ער דאַרטן אויס מיט גאַל.

ער וויל איך זאָל אים זיין אַ חבר,
זינגען אים נאָך זיין געמיט
און איך יאָג אים, און פאַרטרייב אים,
ווען איך זינג מיין זוניק ליד...

איך און די נאַכט

איך און די נאַכט,
מיר זיצן בײנאַנד.
מיט אויגן פֿאַרבענקט
אין ערגעץ אַ לאַנד.

דער הימל — אַ שירעם
אויף אונזערע קעפּ,
די טוי פֿון דער בענקשאַפֿט
אַ רעגן אויף סטעפּ.

ווערט פֿון דעם רעגן
דער סטעפּ אויפֿגעוואַכט...
פֿאַרברענט ווערט די בענקשאַפֿט
אין שטערן פֿון נאַכט.

ווינטן צעבלאָזן
דאָס אַש, ווי אַ שטויב —
דאָך וואַרקעט די בענקשאַפֿט
אויפֿסניי, ווי אַ טויב.

שפּיל איך מיר

שפּיל איך מיר מיט אַ קאַרטאָפל
פונקט ווי רויזקע מיט איר באַל,
און איך זע דער זון געפעלט נישט
און אַנטלויפט פון מיר צום קוואַל.

לויף איך, לויף איך, זון דעריאָגן —
נורעט זי דעם קאָפּ דאָרט טיף,
אויף די וואָלקנדלעך די ווייסע
שרייבט שוין נאַכט אַ בריוו...

ווערט פון יעדער אות אַ שטערן,
נאַכט צעפינקלט איר געדאנק...
זון און קוואַל האָט איינגעדרימלט —
און איך וואַרט אויף זון־אויפגאַנג.

טעג און נעכט

מיינע טעג —
בלאָנדזשנדע שאָף
אויף אַ נאַכטישן סטעפּ;

מיינע נעכט —
זומער־בענקשאַפט
אונטער שנייאיקע בערג.

יעדער טאָג, ווי אַ קינד,
גייט אַוועק ווי פאַרשעמט,
ווען מ׳האָט שפּילצייג געטיילט
און פאַר אים האָט פאַרפעלט...

די נאַכטישע מאַמע

טוליעט און טוליעט
די נאַכטישע מאַמע,
וויגט איין די וועלט
ווי אַ קינד.

גיט איר צו זויגן
איר ברוסט די לבנה,
צום אָפּשייד בלאָזט אָפּ איר
מיט ווינט.

ווייסע שנייען

פאַלן ווייסע שנייען
אויף ערד ווי מידע שאָף —
דער ווינט איז זייער פּאַסטעך
און טרייבט זיי אָן אַ סוף.

וועקט זיי מיט זיין פייפל
פּערלט זיי אין קעלט,
ווער איך אויך אַ פּערל
אין דעם רינג פון וועלט.

צום הערבסט

ווײַן נישט, הערבסט
מיט מיר קום מיט ;
אין מײַן שאַל
דיך אײַנהילן גוט.

דײַנע טרערן
די קילע, קלײנע,
וועל איך אויסמישן
מיט מײַנע.

און פאַרטראָגן
זײ צום טײַך —
ווערן זײ
מיט כוואַליעס גלײַך.

יאָגן כוואַליעס
ערגעץ ווײַט ;
צום ים פאַרטראָגן
טרערן-לײד.

פּערלט ים
די טרערן אויס,
און באַהאַלט זײ
אין זײַן שויס.

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט,
ווען די זון פאַרגייט,
ווערן כוואַליעס
רויט פון פרייד.

שלאָפט די זון
אין טייך נאָר איין,
גנב'עט נאַכט
זיך שטיל אַריין.

גיט אַ שאָרך
מיט אירע טריט;
גייען שטערן
מיט איר מיט.

און ווען עס פלאַטערט
שטערן־בלענד —
איז דער טאָג
שוין אויסגעברענט.

דאָס ים - האַרץ

עס וויינט דאָס ים-האַרץ
און כליפּעט,
רעדט צום שטורם
מיט געוויין.

שטורם, שטורם!
וועלטן קערער,
זע, איך בעט דיך,
שטיל זיך איין.

זיי נישט ווי דער
ווילדער פּאַסטוך —
נישט טרייב די וועלן
ווי די שאָף
אָן סוף.

אַ ווילדן פּייף
דער שטורם גיט,
לאַכט זיך פון דעם
ים-האַרץ אויס,
זז - זז - זז,
פּיז - פּיז, פּיז!

עס דרימלען די שטורעמס

עס דרימלען די שטורעמס
אין פעלזישע בעטן;
פארוויגן זיי ים׳ען,
מיט כוואלישע גלעטן.

שטיל אויף די פעלזן,
מען הערט נישט קיין רודער,
עס ליגן די שטורעמס
געטוליעט, ווי ברידער.

זיי זעען אין חלום
וואולקאנישע פלאמען,
וואס פלאצן פון בענקשאפט
נאך שטורמישע ימען.

און ווען די ים׳ען
פארוויגן די שטורעמס,
פארדרימלען זיי אויך
אין נאכטישע ארעמס.

דער חלום פון בעטלער

אויף טונקעלע, נאַכטישע טרעפּ,
דרעמלט אַ בעטלער,
געדרייט אין אַ קנויל
איז זיין גוף,
און חלומ'ט:
פון ברויט און פון וויין,
און אַ ווייכן געלעגער
צום שלאָף.

געלאַטעט זיין קלייד
איז מיט נאַכט,
דאָך ליבט אים אין חלום
אַ מיידל אַ פּראַכט.

זי גלעט און זי קישט אים
די פּעך־שוואַרצע האָר,
וואָס שויבערט דער ווינט
שוין גאָר לאַנגע יאָר

ברענגט אים אַ ברויט,
לבנה די גרויס,
אַ קריגל, מיט בלוט־רויטן וויין,
און וויגט און פאַרוויגט
זיין טונקעלע פּיין.

ווען זון פֿאַרגייט אין פלאַם

ווען זון פֿארגייט אין פלאַם
נורעט איין דעם קאָפּ אין ים,
דאַמאָלט קומט פון ערגעץ טיף
די נאַכט צושווימען אויף אַ שיף.

שפּרינגט די נאַכט פון שיף אַרוים
טוליעט אַלץ אין צויבער־שוים,
און ווען נאַכט צעלאָזט די צעפּ
פֿאַרהילן זיך די כוואַליעס־קעפּ.

אַ קראַנץ פון בלומען

עס האָט די נאכט, ווי אַ מאַמע
דעם צער פון בלומען אָפּגעווישט
מיט שאָטנדיקע ליפּן
זיי היים געקושט.

ס׳האָט דער גערטנער זיי געריסן
אין מיטן בליען פאר דער צייט,
און אויסגעפלאָכטן אין אַ קראַנץ זיי
געבליבן נאַקעט איז דער בוים.

אוועקגעטראָגן צו די מענטשן
אוועקגעלייגט זיי אויף אַ בעט
ווי אַ חלום איז אויסגעגאנגען
מיט אַ קינדערשן געבעט.

דער צווילינג

דאָס איז דער צווילינג
פון דער צייט,
דער צויבער ניגון
פון דער פּלייט.

געבוירט און פאַרגיין
אַ שוועסטער צווילינג,
איינע הערבסט
די צווייטע פרילינג.

פּוצט די ערשטע
זיך אין צווייט,
שפּאַנט די צווייטע
מיט דערנער טריט.

צעשטראַלט די ערשטע
זיך אין רוים,
שלעפּט די צווייטע
איר אין תהום.

און אַזוי וועלט איין,
וועלט אויס —
שפּינען זיי
דאָס לעבן אויס.

צום שטורעם

וואַנדער, לוסטיקער שטורם!
נעם מיך אין דיין אָרעם.
אין דיינע פליגל פלעכט מיך פעסט,
שפּין מיך איין אין שטורם-נעסט.

אויפגעקוואָלט האָט מיין נשמה
אין וואונדער-טייכן ניי,
דיין וואַנדער-שטויב וועל איך וואַשן,
שוועבן מיט דיר פריי.

מיט דיר אינאיינעם וויל איך הוליען!
זיין דיין שטורם-פייף אויף סטעפּ,
מיט דעם פייף צוזאַמענרופן
אויפן ים די כוואַליעס-קעפּ.

וואַנדער, לוסטיקער שטורעם!
באַהאַלט מיך אין דיין אָרעם.
אין דיינע וועגן נעם מיך מיט.
זע, איך שפּאַן די זעלבע טריט...

אין דיין אָרעם וועל איך שטראָמען
מיט פלאַמען, געטלעך-ריין!
גיס-אָן, שטורם, פול דעם בעכער,
כ׳וויל שיכור ווערן פון דיין וויין!

און פון אונזער ווילדע שיכרות
אַ גאָט באַשאַפן, שפּאָגל-ניי!
ער זאָל דערנער רייסן מיט די וואָרצלען,
בלומען זאָלן וואַקסן פריי!

מיר בענקט זיך

מיר בענקט זיך
נאָך דעם פייערדיקן שטורם
וואָס ס'האָט אויפגעטרייסלט
מיין יונג געמיט.
דורך אַ הייסן
זומער־רעגן
האָט אויפגעטויכט מיין ליד.

דאָס ליד האָט זיך צעשטראַלט
איבער לענדער ווייט,
און אין הערצער טויזנטער
האָט אויפגעגליט אַ פרייד.

אין אַ רעגנבויגן
האָט אויפגעשיינט די וועלט,
מ'האָט אין הייזלעך אָרימע
געזונגען און געקוועלט.

דעם אומעט אויך פאַרטריבן
אין פּאַלאַצן נאָר,
וואו מ'האָט אין ווייגען
געוואַשן זיך די האָר.

דאָס אַלץ האָב איך געזען
געזען אויף דער וואָר,
ווי אַ ריזן־שטורם
צעפלאַמט אַ פייער־דור.

און איך בין דורך אַ צופאַל
פון דאָרט פאַרטריבן גאָר,
שטראָמט מיין בלוט און רוט נישט
צום אויפגעפלאַמטן דור.

קוקן פלאַמען אין מיין שויב

קוקן פלאַמען אין מיין שויב
וואָרקעט אין נעסטן אַ טויב
וועקט זיך מיין קינד.

שלאָגן זיך ברידער אין גאַסן
פאר מענטשלעכע רעכט
צאַפּלט מיין קינד
אין די נעכט.

טראָגט מען הרוגים פון שלאַכט
צעוויינט זיך מיין קינד אין דער נאַכט
און שרייט — טאַטע!...

די גאַסן - הענדלערן

אויף די קנייטשן פון פנים
פון דער אָרימער הענדלערן
איז די זון פאַרגאַנגען.

איר מידער בליק
האָט פאַרטונקלט
די בלאָנדע קרויזן
פון דער זון.

און זי האָט איינגעדרימלט
ביי איר גראָשנדיקער סחורה,
מיטן זעלבן חלום,
ווי די זון.

#ביים ראַנד פון וועלט

ביים ראַנד פון וועלט
שטייט אַ צעלט,
וואוינט זיך דאָרט
די באָבע וועלט.

קוקט אַרויס
פון פענסטער־רויס,
און עס טונקלט
זיך איר טרויס.

— ווייסט נישט, באָבע,
פאַרוואָס ערד
איז פול אַזוי
מיט גיפט און שווערד?

און ים'ען־זענען
בלוטיק־רויט,
און מענטשן שלאָגן זיך
ביז טויט?

פרעגט זיך באָבע
ביי דער נאַכט:
— וואָס האָט מענטש
פון וועלט געמאַכט?

ענטפערט נאַכט
מיט טונקל־רייד,
און הילט זיך איין
אין טרויער־קלייד:

— נאָר דו, באָבע,
זעסט דעם צער,
ווי די וועלט
איז אין געפאַר;

און שטערן ווערן
אויסגעברענט,
און גייען אויס
אויף מיינע הענט!

שלוכצט די באָבע
טיף אין זיך,
און ווישט די טרערן
מיט איר טוך...

און ווען זי וויינט
די אויגן אויס —
פּיקט אויפסניי
אַ וועלט זיך אויס.

א ווינטער - ליד

עס הילט דער פראָסט אין ווייסן שלייער,
די ציגיינער-שוואַרצע ערד;
איר זומער-קלייד צעשניטן
מיט זיין ווייסער בלאַנקער שווערד.

אויף איר שוואַרץ-פאַברענטן האַלדז
צירט ער אוים מיט פערל-שניר;
אויף זיין שטייפן ווינטער-באַס
סקריפּעט ער אַ ליד פאַר איר.

ווייזט איר זיין געקרוינטן פּאַלאַץ,
וואָס ער שטייט שוין ווייס און בלאַנק,
שלייפט פון אייז בריליאַנטן-שטיינער —
פאַר זיין ליבער אַ געשאַנק.

באַשיט מיט שנייען ווייסע בליטן,
איר ציגיינער-לאָקן-קאָפּ,
מיט קרישטאָליק ווייסע פינגער
פלעכט ער איר דעם צאָפּ.

שוין פאַרשלייפט מיט זילבער-בענדער
אירע שוואַרצע צעפּ ביז גאָר;
קומט אַ ווילדע זאַווערוכע
און צעשויבערט איר די האָר.

קעמט איר אַלץ דער פראָסט און גלעט איר
קושט די אויגן איר מיט לוסט,
ברענט דער פראָסט מיט ווייסער ליבע
און ער דריקט די ערד צום ברוסט.

האָסט אויפגעברויזט מיין בלוט

האָסט אויפגעברויזט מיין בלוט
ווי אַ שטורם דעם ים.
האָסט אויפגעלויכטן ווי אַ גאָט,
פאַרברענט מיך אין דיין פלאָם...

איצט בין איך אויפסניי געבוירן
צעשטראַלט פון יענעם פלאָם,
וואָס האָט אויפגעברויזט מיין בלוט
ווי אַ שטורעם דעם ים

פון דיינע ליפּן שמעקט מיט ווינט

פון דיינע ליפּן שמעקט מיט ווינט,
ס׳רוט דער שמייכל פון באַגינען,
כ׳האָב אין פרילינג דיך געגרינט
און אין זומער דיך געפונען...

דיינע אויגן זענען טייכן,
טייכן האָבן זון פאַרשלונגען
און זיי כישופ׳ן מיט ליבע,
ווי נאַכט מיט שטערן־רינגען...

דיינע לאָקן זענען כוואַליעס,
כוואַליעס שוימען אויף די ים׳ען,
ביסט דער רוים פון מיינע טרוימען
און דער גאָט פון מיינע פלאַמען.

ד. ו

צו דיין פּעלזן-ברוסט
האָסטו מיך געשמידט,
האָסט רובינען-שטיינער
געגאָסן פון מיין בלוט.

ביסט מעכטיק ווי דער אָדלער
און ווי פעלזן פעסט
שוועבסט מיט מיר דורך ים'ען
צו דיין פרייער נעסט.

דיין נשמה א פויגל - צווילינג

דיין נשמה — אַ פויגל־צווילינג
איינע איז די שוואַרצע ראָב,
די צווייטע איז די בלויע טויב.
און זיי נעסטן זיך צוזאַמען,
טרינקען ביידע פון איין קוואַל;
נאָגט די טויב דאָס זיסע איים —
און די ראָב — די גאַל.

און זיי לעבן זיך בשלום,
— אַ וואונדער, וואָס געשעט; —
ווען די ראָב קראַקעט ווילד,
וואַרקעט טויב מיט תּפילה׳ס מילד.

כ׳וויל אַנטלויפן

כ׳וויל אַנטלויפן פון מיין לאַנגוויל —
פון דער אַנגעשטיפּטער שטאָט!
וואו איך מוז מיין סוד באַגראָבן
פון מיין ברויזנדיקן בלוט.

פון דער שטאָט וויל איך אַנטלויפן!
די מענטשן זיינען ניכטער קליין;
זיינען אַלע ווי געשטאָרבן,
פאַר מיין שוימעדיקן וויין!

וואַנדערן וועל איך איבער וועלטן,
בלאָנדזשען איבער וואַלד און סטעפּ;
און דער ווינט — דער ווילדער שטיפער —
וועט צעפלעכטן מיינע צעפּ!

און איך וועל אַליין בלאָנדזשען, זוכן,
איבער וועלטן, גאַנץ אַליין —
ביז אַ נייער דור וועט אויפגיין
פאַר מיין שוימעדיקן וויין.

עס האָט דער ווינט געצערטלט

עס האָט דער ווינט געצערטלט
די לאָקן פון דער נאַכט,
האָבן אירע אויגן
מיט שטערן אויפגעוואַכט.

און זי האָט געשמייכלט
מיט איר שוואַרצן חן,
האָבן זיך צעשטראַלט
מיט כּישוף אירע ציין.

ווינט האָט זיך צעשטורעמט
ביי איר לבנה־ברוסט;
ווערט די נאַכט פאַר׳שיכור׳ט
פון דעם ווילדן לוסט.

און זי דרימלט איין
אויף די הענט פון ווינט,
ביז דער טאָג וואַכט־אויף,
ווי אַ וואונדער־קינד.

כ׳וועל דיר נישט זאָגן

כ׳וועל דיר נישט זאָגן
כ׳וועל דיר נישט זאָגן —
סיידן אַ ווינט
פון די בלויע
פאַרטאָגן.

וואָס וועט ווי אַ פויגל
פיקן דיין שויב,
אין דיין חלום וועט וואַרקען
מיין בענקשאַפט
ווי אַ טויב.

מיין ליד

איך האָב דיך, ליד מיינס, אָפּגעלאָזט
אויף דער וועלטס בּראָט;
קומסטו אָן מיט מאָרגן־טוי
אין דער גרויער שטאָט.

קומסטו אָן מיט טרייסטער־טריט,
נביאיש שטיל בּאַזאַכט;
דיינע ווערטער — ווייסע טויבן
פלאַטערן דורך נאַכט.

און זיי וואָרקען אויס אַ בשורה
פאַר דער וועלט פון פיין;

און לערע קרוגן ווערן פול —
מיט שוימענדיקן וויין.

ב.

פאַר קינדער

דאָס פרילינג - רעגנדל

בין איך מיר אַ רעגנדל,
פון פרילינגדיקער צייט,
דערזעען מיך די קינדערלעך
לאַכן זיי מיט פרייד.

טריף איך מיר די טראָפּנדלעך:
קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ!
די קינדערלעך אין וואַסערל:
כלאַפּ, כלאַפּ, כלאַפּ!

גרעזעלעך און בלומעלעך
באַטוי איך און באַפריש,
פאַר׳גנבעט זיך אַ זונעלע
דערוואַרעמט מיך מיט קוש.

גיס איך, גיס איך, טראָפּנדלעך
צוואָג די גרינע וועלט...
צווישן צו די פייגעלעך
אין גאָרטן און אין פעלד.

האָפּסען צו די קינדערלעך
פון רעגנדל מ׳זינגט,
פּאַטשן מיט די הענטעלעך,
ווי גלעקעלעך עס קלינגט!

צו די טייבעלעך

טייבעלעך, טייבעלעך!
ביי אייך איז חתונה,
שרעקט אייך נישט היינט —
איך, אַ קליין מיידעלע,
בין אייער פריינט.

כ׳האָב אייך פאַרזאָרגט
מיט ברויט און מיט ווייץ,
און נאָט אייך און עסט,
און זייט אויך מכבד
די חתונה־געסט.

אָט פלעכט איך אַ קרענצעלע
פון בלימעלעך קליין.
איך היים אויכעט טייבעלע,
ווי איך — אַזוי שיין.

כ׳גרייט דאָס דער כלה׳ניו,
ס׳ווייס־ראָזע קרענצעלע,
נעמט מיך אין ראָד מיט,
מיט אייך אין אַ טענצעלע.

כ׳וועל אויך מיט אייך פליען
אויף טייכלעך, אין לופטן,
כ׳קאָן אויכעט זינגען
פון בלומען און דופטן.

כ׳קען אויך מיט די הענטלעך
פאטשן ווי פליגל.
דאָס האָט מיך די מאמע
געלערנט אין וויגל.

*

כ׳הער שעפטשען ברכות,
עס קלינגט מיר אַ שיר...
דאָס וואָרקען די טייבעלעך
אַ תפילה פאר מיר!

בין איך מיר אַ זונעלע

בין איך מיר אַ זונעלע
קום פון הימל רוים!
כאַפּט נאָר גאָט אַ דרימעלע
טו איך אָן זיין קרוין.

דורך אַ ראָזע וואָלקנדל
קוק איך מיר אַראָפּ
זינגען שוין די קינדערלעך
און טאַנצן האָפּ, האָפּ, האָפּ!

צעוואָרף איך מיינע שטראַלעכלעך
אין אַלע עקן וועלט,
בליִען אויף די קנאָספּעלעך
אין גאָרטן און אין פעלד.

טייכעלעך דערוואָרעם איך
קוועלעכלעך איך קוש...
באָדן זיך די קינדערלעך
מיט שטראַלעכלעך איך וויש

פייגעלעך אויף ביימעלעך
זינגען מיר אַ שיר!
קאַטשקעלעך אין וואַסערל
קוואַקען צו פאַר מיר.

שטיפערישע ווינטעלעך
פייפן אונטער בים!...
באָד איך מיר דאָס וועלטעלע
אין מיין שטראַלן־פּלים...

דאָס סטעפּ - קינד

איך בין פון סטעפּ אַ קינד,
רופט מען מיך ווינט.
פייף איך אויף אַ פייפעלע,
שפּיל זיך מיט אַ טייכעלע,
ציטערן די וועלעכלעך
יאָגן זיך געשווינד,
שרעקן פאַר מיין טאַטן זיך
פאַר דעם שטורעם-ווינט.

אַז עס ווערט מיר אומעטיק —
גיב איך שטאַרק אַ פייף,
קומען ווינטן-ברידערלעך
אין מעכטיקן געלויף.
איך הער ווי בוימער ברעכן זיך,
דערקען מיין טאַטנס טריט...
ווער איך לוסטיק, פריילעכער,
און העלף דעם שטורעם מיט...

די וועלעכלעך

(אַ וויג־ליד)

איי־ליע, ליו־ליו,
וועלעכלעך מיין,
איך וויג אייך אין מיין
טייך - שוים איין,
שלאָפט־זשע מיר
געזונטערהייט.
זון אין הימל
שוין פארגייט,
באָדט די שטראַלן
ביי אונז אוים —
אונזער טייך
איז שיין און גרוים.

שלאָפט שוין קינדער,
וועלעכלעך קרוין,
די שטערנדלעך
זיי פינקלען שוין;
לבנה מיט
די שטראַלן גלעט,
היט, ווי אַ מלאך
אייער בעט.

איך טוליע אייך
צו דער ברוסט:
זיין זאָלט איר
מיט וואנדערלוסט!

*

שלאָפֿט שוין, קינדער
שטיפֿערלעך מיין,
ווי די ים־כוואַליעס
זאָלט איר זיין,
און פֿאַר שטורם
זיך נישט שרעקט,
צום וואַנדערן
ווען אייך ער וועקט.

*

ווייעט נישט ווינטעלעך,
זעט, איך בין שוין מיד,
לאָזט שוין מיינע וועלעכלעך
איינשלאָפֿן באַרוט.

דאָס געוויין פון ווינטער

עס וויינט און כליפּעט
שטיל דער ווינטער.
דורך גרויע נעפּלען
פאַלט זיין טרער.
ער האָט אַ טענה
צו די ווינטן,
וואָס האָבן אים
פאַרנאַרט אַהער.

קינדער, קינדער,
ליבע קינדער!
העלפט מיר וויינען
העלפט מיר מיט;
איך האָב געפירט
פאַר אייך מתנות,
האָט זיי מיר
דער ווינט צעשיט.

כ'האָב געוואָלט אייך
פירן טייכלעך,
פוצן ערד
אין זילבער-גלאַנץ;
און מיט פערל-
ווייסע שנייען
צירן אייך
צום גליטשער-טאַנץ

און ווען איך בין
אויף שוועל געקומען,
דאָ צו אייך
אין פרעמדן לאַנד;
האָט די זון
מיט אירע גלעטן
מיין קרוין צעשמאָלצן
אין איר האַנט.

אויב איך וועל זיך
נאָך באַפרייען
פון דעם ווייטן
פרעמדן לאַנד,
קומען צוריק
אין ווייסן פּאַלאַץ,
וואָס ער שטייט
אין צפון קאַנט —

וועל איך דערציילן
דאָרט די טייכן,
וואָס זיי פירן,
פאַר מיין בליק,
ווי גענאַרט
האָבן מיך די ווינטן
און פאַרשפּראָכן
לויטער גליק.

דאָס ערשטע פרעסטל

בין איך מיר אַ פרעסטעלע
פון פאַרטאָג אַ ווייס,
מאַך איך מיר פון טייכעלעך
בריקעלעך פון אייז.

שמיר איך אויף די שייבעלעך
בלומעלעך ווי מאַי
מאַך איך מיר אַ וועלטעלע,
אַ וועלטל שפּוגל-ניי.

קוקט דער הימל פרעסטלדיק,
לאַך איך און איך קוועל...
שיינט אַפיר אַ זונעלע
מיט וואָלקנדל כ׳פאַרשטעל.

צי איך, צי איך וואָלקנדלעך,
דער הימל גיט אַ נאָס...
פאַלן פערל-שנייעלעך
אין דעם זומער-כוס.

אַ צוגעגרייטער שטיי איך שוין
קומט דער ווינטער אָן:
ר׳האָט דעם זומער שוין פאַרשלעפּט
אים נאַקעט אויסגעטאָן.

פּוץ איך אוים מיט פערל-שנירן
וועגן, וואַלד און פעלד,
רוף די מענטשן און די קינדער,
אויף דער נייער וועלט.

גרויסע לויפן דורך
קרומען זיך אויף מיינע וואונדער —
איך פרעג נישט, גליוועך ווייטער,
ליבן מיך דערפאר די קינדער...

מיט זיי אינאיינעם שארף איך גליטשן
גוט פארשטייען מיך די קינדער...
זיי פארשטייען מיינע שטיפן
און ליבן מיינע וואונדער.

דאָס געזאַנג פון די טויען

איך בין דער ערשטער פרילינג - טוי
לויטער קילער ווייַן, —
פאַרשיכור איך די גרעזעלעך
שפּראָצן בלומען פייַן.

שוואַרצע, בלאָנדע קינדערלעך
שפּיגלען זיך אין גלאַנץ,
טאַפּטשען אין די וואַסערלעך
אין אַ פרילינג-טאַנץ.

איך דערצייל זיי מעשה׳לעך
פון מיין וואונדער-היים,
ווי מיינע טויען-טראָפּנדלעך
גלים אין זונען-שיין!

שטרוימען אויף די וואַסערלעך
פון מיינע טויען-רייד,
שטייט די ערד שוין אויסגעפּוצט
אין איר גרינער פרייד.

צום וואָלקן

רוק זיך וואָלקן נאָר אַוועק
זע, די זון איז דאָך אין וועג,

שיט מיט שטראַלן ווי מיט צווייט
און איך וואַנדער מיט זיי מיט.

איך וועל היטן יעדן שטראַל
וואָס וועט פאַלן אויף ערד און קוואַל,

וואַנדערן מיט זיי אין וועג
אויסשפּינען פון גאָלד די טעג.

די זון האָט זיך פאַרשלאָפן

זון איז שפּעט היינט אויפגעשטאַנען
זענען וואָלקנדלעך פאַרבליבן —
נישט צוטריבן.

האָבן וואָלקנדלעך געלאַכט
האָבן וואָלקנדלעך געקוועלט,
און געיאָגט זיך
איבער וועלט.

געיאָגט זיך איבער דאָרף,
געיאָגט זיך איבער שטעט,
און אָנגעזאָגט, אַז זון
איז אויפגעשטאַנען שפּעט.